בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וישב חנוכה תשפ"א** | **שבת מברכין טבת** | **גליון 579 [שנה י"ג]**

**פארוואס האט יעקב געמוזט שיקן יוסף צו די ברידער?**

וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף הֲלוֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם וַיֹּאמֶר לוֹ הִנֵּנִי: וַיֹּאמֶר לוֹ לֶךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ וְאֶת־שְׁלוֹם הַצֹּאן וַהֲשִׁבֵנִי דָּבָר: (לז יג–יד) עס זענען דא עטליכע דיוקים, איינס, פארוואס שטייט לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ און נישט לֵךְ וְאֶשְׁלָחֲךָ? אויך איז שווער אז עס שטייט אין דער אנדערן פסוק לֶךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ, וועגן וואס שטייט אין די פסוק לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ, פארוואס דארף מען צוויי שליחות? אויך איז שווער וואס איז דער כוונה פון לשון וַיֹּאמֶר לוֹ "הִנֵּנִי"? נאר עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה נה ו) אברהם אמר הִנֵּנִי: "הִנֵּנִי" לִכְהוּנָּה "הִנֵּנִי" לְמַלְכוּת, זָכָה לִכְהוּנָּה וְזָכָה לְמַלְכוּת עיי"ש. קומט אויס ווען יוסף האט געזאגט הִנֵּנִי, מיינט דאס אויך מַלְכוּת, מיט דעם קען מען אלעס מסביר זיין, ווייל עס שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֶל פַּרְעֹה וְהוֹצֵא אֶת עַמִּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: שטייט אין מדרש (שמות רבה ג י) **לְכָה וַדָּאִית** –די ה"א בסוף התבה–, **לוֹמַר אִם אֵין אַתָּה גּוֹאֲלָם אֵין אַחֵר גּוֹאֲלָם:** זעט מען אז לְכָה מיינט גאולה, און עס שטייט אין מפרשים אז יוסף האט געמוזט אראפגיין אין מצרים פאר זיינע ברידער, צו זיין א מלך, אבער עס האט אויך געמוזט זיין אז די ברידער זאלן פריערט האבן א שליטה אויף יוסף, כדי ווען יוסף וועט ווערן קעניג אויף מצרים, וועלן די ברידער נישט ווערן אונטערטעניגט אונטער מצרים, ווייל זיי האבן שולט געווען אויף זייער מלך, און נאר אין זכות פון יוסף איז געווען יציאת מצרים אזוי ווי עס שטייט הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס, ער האט געזען ארונו של יוסף, דעריבער איז פלא'דיג לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם, וואס לְכָה איז די כוונה אז אין דיין זכות וועט זיין גאולת מצרים, און עס מוז זיין אז יוסף דארף זיין מלך, דעריבער האט יוסף געענטפערט "הִנֵּנִי" לְמַלְכוּת, איך בין גרייט אויף דעם, וועגן דעם האט יעקב גלייך געזאגט לֶךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ, און דיינע ברידער וועלן דיר פארקויפן, אלעס כדי זיי זאלן האבן א שטיקל שליטה אויף דיר, כדי זיי זאלן האבן א שליטה אויך אויף מצרים, און יוסף האט מסכים געווען צו אלעס. -מען קען מוסיף זיין הִנֵּנִי מיינט מסירת נפש, המו"ל- (באר יצחק הר' יצחק שאנגי שאלוניקי תצ"ה)

**וואס איז געווען די טענה פון ראובן אָנָא אֲנִי בָא?**

וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו: וַיָּשָׁב אֶל אֶחָיו וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא: (לז כט–ל) פרעגט דער אוה"ח הק' אז ראובן האט דאך אויך מסכים געווען צום פלאן צו הרגנען יוסף, ווייל יהודה האט געזאגט מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ נאך וואס יוסף איז געווען אין בור, איז וואס איז זיין טענה יעצט הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא? נאר ראובן איז געווען דער בכור און אויף אים ליגט די אחריות, יעצט זיין כוונה איז געווען אז יוסף וועט שטארבן אין בור און ראובן וועט זאגן זעסט דא יוסף איז געהארגעט געווארן דורך א חיה, און איך בין נישט שולדיג! אבער יעצט ווען ראובן קומט צוריק צום בור און טרעפט נישט יוסף, ווערט אים שלעכט ווייל יעצט וועט אים יעקב הייסן גיין און אפזוכן יוסף אין די גאנצע וועלט! דעריבער האבן די ברידער אים גלייך בארוהיגט און געגעבן די עצה: וַיִּקְחוּ אֶת כְּתֹנֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁחֲטוּ שְׂעִיר עִזִּים וַיִּטְבְּלוּ אֶת הַכֻּתֹּנֶת בַּדָּם, ממילא וועסטו יעצט זאגן זֹאת מָצָאנוּ הַכֶּר נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִוא אִם לֹא. (אור החיים הק')

**דער חילוק פון תשובת ראובן און אדה"ר און קין**

וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וגו' וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא: (לז כט–ל) שטייט אין מדרש (בראשית רבה פד יט) **אמר לו הקב"ה מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה ואתה פתחת בתשובה תחילה חייך שבן בנך עומד ופותח בתשובה** (הושע יד ב) שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ. דער מדרש איז שווער ווייל סיי אדם הראשון און סיי קין האבן תשובה געטאן פאר ראובן? נאר עס שטייט אין שערי תשובה לרבינו יונה עס זענען דא אסאך מדריגות אין תשובה, די גרעסטע מדריגה איז אז מען טוט תשובה גלייך נאכן זינדיגן, א קלענערע מדריגה איז, אז מען טוט תשובה נאך וואס מען באקומט א שטראף פון אויבערשטן, וואס עס איז אויך תשובה. און דאס שטייט אין (ילקוט הושע סי' תקל"ב) ה' איז מדת הרחמים און אֱלֹקִים איז דין דעריבער שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל, טוט תשובה, עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, פאר וואס דער ה' מדת הרחמים וועט ווערן מדת הדין, ממילא אדם הראשון האט תשובה געטאן ווען עס איז געווען וַיִּשְׁמְעוּ אֶת קוֹל ה' אֱלֹקִים מִתְהַלֵּךְ בַּגָּן, נאכן עונש ווייל ה' איז געווארן אֱלֹקִים, און אויך קין האט תשובה געטאן נאכן עונש, אבער ראובן האט גלייך נאכן חטא תשובה געטאן, ממילא איז געבליבן מדת הרחמים, און א גרויסע מדריגה פון תשובה, דאס שטייט אין מדרש ואתה פתחת בתשובה תחילה, תשובה געטאן פארן עונש, דעריבער האט ראובן זוכה געווען צו וואס הושע האט געזאגט שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל, טוט תשובה, עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, פאר די מדת הרחמים ווערט מדת הדין. (נפש חיה הגאון ר' חיים אלעזר וואקס אב"ד קאליש)

**לכבוד חנוכה** **שיטת הרמב"ם אז חנוכה איז ימי שמחה!**

שטייט אין (גמ' שבת דף כא ע"ב) **"לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה"**, שטייט אבער אין רמב"ם (פ"ג מהל' חנוכה ה"ג) **"ומפני זה התקינו חכמים שבאותו הדור שיהיו שמונת הימים האלו שתחלתן מליל כ"ה בכסליו ימי שמחה והלל"** עכ"ל, לכאורה איז שווער פון וואו נעמט דער רמב"ם דער ענין פון שמחה אין חנוכה וואס שטייט נישט אין די גמ'? נאר עס שטייט אין ספר סדר הדורות נאך א טעם פארוואס מען האט געמאכט שמונה ימי חנוכה, ווייל יענע יאר פון די מלחמה זענען די אידן געווען פארנומען מיט די מלחמה, און האבן נישט געקענט פראווען סוכות מיט שמיני עצרת, דעריבער ווען מען האט מנצח געווען די יוונים, האט מען געפראוועט דעמאלטס די אכט טעג פון סוכות, איז שוין געבליבן דער זכר אלע יארן. מיט דעם טעם איז הפלא שיטת הרמב"ם וואס שרייבט אז חנוכה איז ימי שמחה, וועגן סוכות וואס איז זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ און חנוכה איז דאך געווען צוליב סוכות. און דעריבער נוצט דער רמב"ם דעם לשון פון דעם משנה (פ"ד סוכה מ"א) ההל"ל ושמח"ה שמונ"ה, און חנוכה איז אויך הלל ושמחה,ביידע באופן אחד ודו"ק. (שער יששכר ימי אורה אות ל"ב להגה"ק ממונקאטש)

**לכבוד חנוכה** **נס חנוכה אכט טעג און א תירוץ אויפן קושיית הבית יוסף**

פריערדיגע וואך האבן מיר געברענגט וואס דער שפתי כהן ברענגט פארוואס יעקב איז צוריק געגאנגען נעמען די פך ווייל עס איז געשען נסים מיט דעם פך דעמאלטס, און יעקב האט געזען אז דער פך השמן וועט זיין ביי **אלישע הנביא** מיט **אשה הצרפתית** און **אשת עובדיה**, און דער **ברכת שמואל קיידינאב** (פ' מקץ) ברענגט דאס, און לייגט צו וז"ל

הנה פשוט הוא בעיני שגם אותו הפך נתגלה ג"כ לבני חשמונאי שהיו חתום בחותמו של כהן גדול של אהרן הכהן דכתיב ביה זה לי לדורותיכם לעולם הבא ובו הדליקו ח' ימים לפי צרכם וְהַמּוֹתָר נגנז לעוה"ב. און די חיד"א אין ספר דברים אחדים לשבת חנוכה פרעגט: ווי האט אלישע געלאזט אז מען זאל הנאה האבן פון א נס? נאר עס איז באוואוסט דער חילוק פון נס און ברכה, ווי מען זעהט אין גמ' (תענית דף כד ע"א) מיט ר' אלעזר איש בירתא וואס האט אוועקגעגעבן די נדוניא פון זיין טאכטער פאר א גבאי צדקה און איבערגעלאזט א זוז און געקויפט ווייץ און עס איז אריין די ברכה און די אוצר איז געווארן אנגעפילט מיט ווייץ, און דארטן איז געווען א ברכה און נישט מעשה נסים עיי"ש, דעריבער קען זיין אז עס איז געבליבן עפעס שמן אין די פך און עס איז געווארן א ברכה און נישט א נס, איז לויט דעם קען מען מחדש זיין וואס מען פרעגט אויפן תירוץ פון ב"י אז דער נס חנוכה איז געווען וואס די פלאש האט זיך נאכאמאל אנגעפילט, איז דאך שווער אז די ערשטע נאכט איז דאך נישט געווען א נס? נאר מען מוז זאגן אז כדי עס זאל זיין שמן זית זך האט דאך געמוזט איבערבלייבן אין פך כדי עס זאל זיך קענען אנפילן, ממילא איז דאס געווען א נס אז מען האט נישט אויסגענוצט די ערשטע נאכט די גאנצע שמן און פון דאס וואס איז איבערגעבליבן האט זיך אנגעפילט נאכאמאל, לויט דעם קען מען טייטשן וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים, ווייל עס איז געבליבן אביסל שמן, נַעֲשָׂה, האט געקענט זיין נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים, ווייל עס האט זיך נאכאמאל אנגעפילט, דעריבער בְּנֵי בִינָה, די חכמים האבן קובע געווען יְמֵי שְׁמוֹנָה. (שמח זבולון תשפ"א)

מדור העובדות

***** ער האט געמיינט אז דער חוזה מלובלין האט אים געהאלפן אבער עס איז געווען דער יהודי הק' *****

אין א דארף לעבן לובלין האט א איד געהאט א קרעטשמע וואס עס האט נישט געברעגט גענוג געלט אויף שכירות פארן פריץ, אבער זיין תמימות איז געווען גרוים, און יעדן יאר ווען עס איז געקומען די צייט צו באצאלן איז ער געפארן צום חוזה מלובלין און געבעטן א ברכה און דער אויבערשטער האט אים שטענדיג צוגעשיקט עפעס א געשעפטל און געהאט גענוג צו באצאלן די שכירות. דער איד האט געהאט א חבר א מתנגד וואס האט געוואוינט אין יענע געגענט און האט זיך אויך געמוטשעט מיטן צאלן, האט זיין ווייב אים געשטופט אז ער זאל גיין קיין לובלין און בעטן דעם רבין א ברכה אזוי ווי זיין חבר טוט כסדר, ער שרייבט א קוויטל און גיט א פדיון פארן רבין און ער ווערט געהאלפן, ער האט צופיל נישט געגלויבט אין רבי'ס אבער עס איז געווארן א נויט און ער איז געפארן קיין לובלין.

אין לובלין האט ער געפרעגט וואו וואוינט דער רבי? האט מען אים געענטפערט אז דער רבי איז אוועקגעפארן אויף אפאר וואכן! דער איד איז געווארן ווילד, און נישט געגלויבט אז א רבי פארט אוועק פון שטאט, און איז געגאנגען צום רבי'ן'ס שטוב און ער קלאפט אין טיר אז ער מוז אריינגיין צום רבין, האט מען אים געזאגט אז דער רבי וועט נישט זיין אפאר וואכן אבער ער האט נישט געגלויבט און איז געגאנגען אין שול און געזאגט דער רבי איז זיכער אין שול, און אין שול זעהט ער א איד גייט טלית און תפילין און האט אויסגעזען ווי א רבי -דער איד איז געווען דער היילגער יהודי הק' מפרשיסחא א נאנטן תלמיד פון חוזה מלובלין- און דער איד גייט צו אים און דערלאנגט אים זיין קוויטל מיטן פדיון און גיסט אוים זיין הארץ אז דער רבי זאל אים העלפן צאלן זיין שכירות אזוי ווי ער העלפט ארוים זיין חבר יעדן יאר. האט דער יהודי הק' אים געזאגט איך בין נישט א רבי, גיי צו דער רבין!

דער איד האט שוין נישט אויסגעהאלטן און איז געפאלן חלשות, דער יהודי הק' האט געזען וואס דא איז געשען האט ער אים דערמינטערט און בארוהיגט, און געזאגט איך בין א רבי און איך וועל דיר העלפן, דער איד האט זיך דערמינטערט. דער יהודי הק' האט אים געזאגט גיי אהיים און קויף א האן און ער זאל דיר אויפוועקן האלבע נאכט און שטיי אויף און זאג תהלים און דער אויבערשטער וועט דיר שנעל שיקן א ישועה. דער איד איז געווארן צופרידן און געדאנקט דעם יהודי הק'.

דער איד האט געפאלגט און געקויפט א האן און איז אויפגעשטאנען האלבע נאכט און געזאגט תהלים, אינמיטן קלאפט מען אויפן טיר, און א גוי וואס האט געוואוינט אין געגענט שטייט ביים טיר און זאגט ער מוז טרינקען בראנפן יעצט און דער שענק פון וואו ער קויפט אלעמאן איז יעצט פארמאכט, און אזוי ווי איך האב געזען אז עס איז ליכטיג ביי דיר וויל איך ביי דיר קויפן, דער איד האט אים פארקויפט א גלעזל בראנפן, אין א שעה ארום קומט ער נאכאמאל און זאגט די בראנפן איז מער געשמאק דא, און קויפט נאך א גלעזל. אין א שעה ארום קומט ער צוריק מיט א זעקל פון געלט און זאגט די געלט האב איך באהאלטן פון מיין משפחה, איך לאז דאס ביי דיר און דו קענסט דאס נוצן און ווען איך וועל דארפן טרינקען זאלסטו מיר געבן, און שפעטער וועלן מיר זיך פארעכענען! דער איד איז געווארן פול מיט פרייד און אפגעשריבן א הסכם מיטן גוי.

דער איד האט געהאט געלט אויף צו באצאלן די שכירות, און פון די איבעריגע געלט האט ער געמאכט א פאר גרויסע געשעפטן און איז געווארן א עושר, און האט אוועקגעלייגט די געלט אין א זייט אפצוגעבן פארן גוי ווען ער וועט דאס דארפן צוריק. ער האט דערציילט פאר זיין חבר וואס איז געשען, און ער האט געזאגט ער וויל פארן מיט אים און דאנקען דעם רבין, און זיי זענען געגאנגען אין שול און געדאנקט דעם רבין, האט אים זיין חבר געזאגט, אז דאס איז טאקע א רבי אבער ער איז נישט דער חוזה מלובלין! דער איד איז נישט אנגעגאנגען וועלכע רבי האט אים געהאלפן, און געגעבן א שיינע סכום געלט פארן יהודי הק' וואס האט דאס געקענט נוצן זיע"א.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא

סידור ישועות ישראל וואס ר' יענקעלע האט געדאווענט אין דעם און גוט אויסענוצט $5000 תפילין כשרים פרשיות ר' משה פשעווארסק און אויך ר' אפרים סופר של הבעש"ט פרטים רק לרצינים נ"ך ג' חלקים הראשונים דפוס סלאוויטא ר' שמואל אבא $1000,  ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן $2000 ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס"ב עם הסכמת השטעפענישט הרה"ק ר' אברהם מתתיהו בהרה"ק ר' מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר $700, גמרות דפוס סלאוויטא ביצה, סוכה זבחים מנחות בכורות וכו, ספר אמרי אלימלך עם הסכמת הסאדיגורא והמגיד מטריסק מצב מפואר $800 זיטאמיר ש"ס $6000, סעט חומשים עם אור החיים זיטאמיר, $7500 סידור אור לישרים זיטאמיר $18000, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, כתב יד פון הרה"ק ר' גרשון מקיטוב שוואגער פון היילגן בעש"ט $25000, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, $50000, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה"צ ר' יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה"ק ר' אשר ישעי' וחתן הרה"ק ר' ישראל צבי מקאסאן הי"ד $2500, ספר חסידים באזיל שמ"א $2000, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו"ר $2800 שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב. בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500  Store Hours are 11:30 -7:30  Fri till 1:30,

To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

*מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און געלט פון די לאגערס*